STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11020

OYFN SHVEL FUN MITLALTER

Ben-Zion Dinur

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

היסטאָרישע יוגנט-ביבליאָטעק

ב. דינאַבורג

אויפן שוועל פון מיטלאַלטער

דער אונטערגאנג פונם אידישן צענטער אין ארץ־ישראל
און דער אנהויב פון די מיטל־אלטערישע גזירות אויף אידן.

כלל-פארלאג

כלל־פאַרלאַג
בערלין 1922-תרפ״ב

KLAL-VERLAG / BERLIN / VERLÄNGERTE CHARLOTTENSTR. 1B

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.

דער נצחון פון צלם און די אידן

די אידן אין ארץ־ישראל

נאר אַ גאנץ קליינער טייל אידן האבן נאך געלעבט אין ארץ-ישראל. ס'רוב פאלק איז געווען צעזייט אין אלע נאהענטע און ווייטע מדינות פון דער רוימישער אימפעריע, צעשפרייט איבער אלע געגנטן פון דער פערסישער מלוכה. אבער דאך איז נאך ניט אינגאנצן טונקל געווארן דער גלאנץ פון די אַמאָליגע טעג; נאך איז אין ארץ-ישראל דער גליל געבליבן אַ אידיש לאנד, טאל און בארג מיט אידישע דערפער און שטעט באדעקט, און ס'רוב תבואה-פעלדער פון אידן געאַקערט און באזייט. נאך האט געשֵמט, ווי אמאל, דער גליל-בוימל פון די אידישע דערפער, וואס טאקי אידישע סוחרים פלעגן אים צעפירן אין די ארומיגע לענדער; נאך האט מען דארט געטריקנט פייגן און ווייטרויבן; אידישע פורלייט פלעגן זיי אויף אייזלען קיין יהודה ברייגגען, אויף אידישע שיפן לאדן און אין די ארומיגע לענדער פארקויפן. אפילו אין יהודה, וואס איז געווען פון די מלחמות מער פארוויסט, איז נאך אַ גרויסער טייל שטעט און דערפער אידיש געווען. אויך די גרויסע מאַיאָנטקעס, וואס האבן געהערט צו די רוימישע שררות, פלעגן ס'רוב ארענדירן און באַארבעטן אידן, מחנות פרומע גליל-ארבעטער פלעגן ארבעטן אין יהודה אויף די ווייגפעלדער פון שרון, און די אויבסט-גערטענער פון דרום פלעגן גרייטן טרויבן- און פייגן-האָניג און פארזארגן די פעלדער מיט וואסער און די בהמות מיט פאַשע. אפילו אין די שטעט, וואו די צאל פון ניט-אידן, סירער און רוימער, איז גע-

ווען לערך גרויס, זיינען מלאכה און מסחר ס׳רוב אידישע געוועזן. טעפּער און שמידן, גאַרבער און שוסטער, שניידער און וועבער, פאַרבער און וועשער, טישלער און בעקער — זיינען כמעט אומעטום אידן געוועזן. און זון ביי פאָטער האט מלאכה געלערנט און געשעפט איבערגענומען. שווער איז אפילו געוועזן דאס לעבן אונטער דער רוימישער הערשאפט. כדי אליין צו לעבן ווי ס׳ניט איז, און נאך דעם רוימער די שטייערן צאלן — האט מען געמוזט שווער און אַ סך האָרעווען. דעם פאלק האט שוין אפילו אצינד געפעלט אי די פריהער-דיגע העזה קעגן דעם מעכטיגן וועלט-אָדלער, אי דער אַמאליגער צוטרוי צו די אייגענע כחות, אי דער געוועזענער זיכערער גלויבן, אז ס׳איז געקומען „די לעצטע שעה״ פון ליידן, און מען האט שוין ניט אזוי לייכט באַניים זיינע העזה׳דיגע פארזוכן דעם שווערן יאך צו צע-ברעכן. אבער פארגעסן „די אמאליגע צייטן״ האט מען דאך ניט געקאנט, „דאס האבן זיי אונזער הייליגע שטאט צעשטערט, דעם בית-המקדש פארברענט, דאס פאלק פון זיין לאנד פארטריבן און איבער דער וועלט צעשפרייט״.

מען האט געלעבט מיט דער פרומער האפענונג, אז גאט וועט זיך דערמאנען אן זיין פאלק און „וועט אומקערן די אמאליגע טעג״. דערווייל פלעגט מען זיך טרייסטן מיט דעם שוואכן אָפּשיין, וואס איז געבליבן פונם אמאָליגן גלאַנץ. נאך האט טבריה אין טאל, ביים ברעג פון ים-כנרת, שטאלצירט, ווי אַ אידישע הויפּט-שטאָט: דארט האט געוואוינט דער אידישער נשיא פון הללס משפחה, אַ זכר צו אַמאָליגער גרויסקייט פון בית-דוד. שלוחים, פון נשיא געשיקט, פלעגן ארומפארן אלע יאר איבער די אידישע קהלות אין דער גאנצער וועלט דיינים באַשטעלן, וואס זאלן משפט׳ן לויט דעם אידישן דין, חכמים באשטימען, זיי זאלן מדריך זיין דאס פאלק, טרייסטן אים אין די שווערע צייטן און שטראפן און אויפווייזן אים זיינע זינד און פעלערן, אויך פלעגן זיי באזארגן די קהלות מיט שול-מלמדים, וואס האבן מיט קינדער באדארפט תורה און משנה לערנען. אין ארץ-ישראל פלעגן די נשיאים באשטימען מארק-אויפזעהערס, וואס האבן באדארפט אכטונג געבן אויף ריכטיג וואָג און מאס, זעהן, אז די סוחרים זאלן

ניט באַרייסן דעם עולם מיט צו הויכע מקחים פאַר עסנוואַרג. אידישע קהלות פון דער גאַנצער רוימישער מלוכה פלעגן צאָלן אַלע יאָר דעם נשיא שטייערן (קרוין-געלט האָבן זיי זיך גערופן), ווי אַמאָל דעם בית-המקדש. דעם נשיאס שלוחים פלעגן זיי קלייבן און ברענגען קיין ארץ-ישראל.

אַזוי זיינען די נשיאים געווען רייך און אָנגעזעהן. זיי האָבן געהערט צו די חשובדיגע מענשן אין דער רוימישער מלוכה און האָבן געזעהן, ווי וויט מעגליך, אָפּהיטן די איינהייט און די אינע-וויינינגסטע פרייהייט פון פאָלק.

די אידן אין די איבעריגע מדינות פון רוים

אין די איבעריגע מדינות פון דער רוימישער מלוכה זיינען די אידן געווען צעזייט אין גרעסערע און קלענערע קהלות: גרע-סערע — אין דעם נאָהענטן מזרח, כמעט האַלב-אידישן צו יענער צייט פאַרן חורבן בית-המקדש; און קלענערע — אין מערב-אייראָפּע, וואו אידן האָבן ערשט שפּעטער אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין אַ גרעסערער צאָל. אומעטום רוימישע בירגער מיט די זעלבע רעכט, ווי אַלע פרייע איינוואוינער פון דער גרויסער מלוכה, האָבן די אידן געהאַט נאָך איניגע אַלטע „פּריווילעגיעס", באַזונדערע רעכט, וואָס האָבן זיי באַפרייט פון מיליטער-דינסט און בכלל פון יעדער מלוכה-דינסט, וואָס איז געווען קעגן זייער גלויבן און מנהגים. אַזוי האָט זיך אַ איד געקאָנט אָפּזאָגן פון יעדער שטאַט-שטעלע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם געצנדינסט אָדער מיט דעם צירק-שפּיל, וואו מענשן פלעגן מיט חיות מלחמה האַלטן. די אידישע קהלות האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער, זקנים, וועלכע זיי פלעגן קלייבן אַלע יאָר, אַרום ראש-השנה, אין חודש תשרי. די פאָרשטייער פלעגן ניט נאָר זאָרגן פאַר שולן און בתי-מדרשים, פאַר צדקה און גמילות-חסדים, פאַר ארץ-ישראל-שטייערן און פאַר פדיון שבוים (אויסלייזן געפאַנגענע אָדער אַזוי פאַר קנעכט פאַרקויפטע אידן) — די פאָרשטייער פלעגן אויך בילדן

צוזאמען מיט די חכמים פון דער קהלה דעם אידישן בית-דין, וואס האט צווישן אידן געמשפט לויט דעם אידישן דין. בעלי-מלאכות און ארבעטער אין רוים, ערד-ארבעטער און רייכע בעלי-נחלאות אין דרום-איטאליע, וועלט-סוחרים און שיפערס אין אלכסנדריא, אין אנטיוכיא און אין מאַרסעל, וויינגערטענער און גערטענער אין גאליע און שפאניע — האבן זיי כמעט אומעטום אין שלום געלעבט מיט זייערע שכנים. אבער אויך אין די קאָלאָניעס האבן די אידן ניט געקאָנט פארגעסן, וואס די „בייזע זינדיגע מלוכה" האט מיט זייער לאַנד און שטאט, בית-המקדש און פאָלק געטאָן. דאָך האבן זיי דאָרט געקאָנט זעהן, אז ניט איין פאָלק האט דער רוימער באַזיגט און ניט איין שטאָט האבן די אָדלער-לעגיאָנען צעשטערט.

ניט אין ארץ-ישראל, ניט אין די איבעריגע לענדער האבן זיי זיך באמיהט צו פארשפרייטן זייער גלויבן, ווי אין די פריהער-דיגע צייטן, נאָר פון דעסטוועגן איז געוועזן גרויס די צאל פון די „האלב-אידן", פון די „גאָטס-פאָרכטיגע", וואס פלעגן שבת היטן, אין די אידישע שולן גיין, הערן די דרשות פון די אידישע חכמים און באַהאַווזן זיין אין די איבערזעצונגען פון תנ"ך. די אידישע דיינים האבן געשעמט מיט זייער ערליכקייט, און אפילו ניט-אידן פלעגן זיך גאנץ אָפט ווענדן צום אידישן משפט. דער פארווילדעטער המון פון די גרויסע שטעט פלעגט נאך אָפט אָפּ-לאכן פון אידישע מנהגים און אידישן לעבן, נאר דאס פאָלק בכלל, און די געבילדעטערע בפרט, האבן זיך ערנסט, אָפט מיט מער סימפאטיע, זיך באצויגן צו די אידן. נאך אַ סך שפעטער, אז דער צלם האט קרוב צו צוויי הונדערט יאר שנאה צו אידן געזייט, קלאגט זיך נאך איינער פון די קריסטליכע געלערטע אין אַנטיוכיא: „זעהר פיל פון די, וואס האלטן זיך פאר קריסטן, גייען שטענדיג אין שול, פאַסטן מיט די אידן זייערע תעניתים, פרייען זיך מיט זיי אין זייערע יום-טובים, געבן זיי אָפּ כבוד און האלטן זייערע מנהגים פאר הייליג; די שבועה, וואס זיי געבן אין שול, האלטן זיי פאר הייליגער, ווי די, וואס זיי געבן אין קלויסטער".

די ערשטע קריסטליכע קיסרים און די אידן

דער צלם האט געזיגט. דער רוימישער קיסר קאָנסטאַנטין דער גרויסער איז געוואָרן אַ קריסט. די מלוכה האט גענומען אויף איר חשבון קירכן בויען, קלויסטערס גרינדן, גלחים און עפיסקאָפּן אויף איר געלט אויסהאלטן. נאָך גאר ניט לאנג פלעגן די קריסטן פון המון אויסגעלאכט און ווילד פארפאלגט ווערן. מ'האט זיי געהאלטן פאר נארישע, אבער געפערליכע אפיקורסים, וואס האבן פארוואָרפן די אייגענע, פון די עלטערן געירשנטע, היימישע געטער און דערמיט ארויסגערופן אלערליי אומגליקן אויף דער רוימישער מלוכה.

איצט אבער, אין דער ניי-געבויטער הויפטשטאט קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל, זיינען זיי געוואָרן די חשובדיגסטע, אָנגעזעהענסטע מענשן. נאך גאר ניט לאנג האט זיי די רעגירונג מיט שנאה גערודפט. זי האט זיי געהאלטן פאר אומרוהיגע, פארביסענע עקשנים, וואס היטן ניט אפ די מלוכה-געזעצן און לייקענען אין דער געטליכקייט פון די רוימישע קיסרים. איצט זיינען זיי בּיסליכווייז געוואָרן די דעות-זאָגערס און די רעדל-פירערס פון דער מלוכה. אויפמערקזאם האבן זיך די קיסרים צוגעהערט צו די עצות פון די גלחים און שטארק זיך גערעכנט מיט דעם ווילן פון די קלויסטער-חכמים. דער צלם האט באדארפט ווערן אַ פעסטער יסוד, אַ זיכערער פונדאמענט פאר דער באנייטער רוימישער מלוכה: מיט זיין זכות האט זי זיך באדארפט האלטן, און די דאנקבארע, טרייע קריסטן האבן באדארפט דעם שטענדיג וואַקלדיגן טראָן שטארקן. האבן די גלחים געמיינט, אז איצט וועלן שוין אפילו זייערע שארפסטע קעגנער מודה זיין, אז זיי זיינען גערעכט, זייער גלויבן איז דער אמתער, זייער פרומקייט איז די ריכטיגע — און זיי געהערט די וועלט. מיט פייער און היץ האבן זיי זיך גענומען ווייטער פאר-בּרייטערן זייער גלויבן צווישן אלע פעלקער און אלע לענדער אין דער גרויסער וועלט-מלוכה. גרויס איז געווען דער נצחון.

נאר וואס גלענצענדיגער דער נצחון האט אויסגעוויזן, אלץ גרעסער און מיט מער ברען איז געווען דער כעס און דער פייער

קעגן דעם הארט-עקשנותדיגן אידישן פאלק. האבן דאך די קריסטן טאג און נאכט געטענהט, אז מיט דער צעשטערונג פון ירושלים, מיט דעם חורבן פון בית-המקדש האט גאט אויך דאס פאלק ישראל פון זיך אויף אייביג אפגעשטויסן, אויף שטענדיג פאר-ווארפן. האבן זיי דאך מיט כלערליי ראיות „באוויזן", אז די תורה האט גאט אפגעשאפן, דער אידישער גלויבן האט שוין זיין צייט אָפגעלעבט און דאס פאלק ישראל „מוז און וועט אונטערגיין", און זיי, די מענשן פון צלם, זיינען די אמתע יורשים פון אידנטום. זיי וועלן עס גאטסווארט טראגן איבער דער וועלט, זיי, און ניט דאס פאלק ישראל, וועלן דער וועלט וויזן, וואס הייסט א ריין גלויבן, א שלום לעבן, אן אמת ווארט און א גערעכטע פירונג. „די קריסטן ווילן שנאה מאכן צווישן ישראל און זיין פאטער אין הימל", קלאגט זיך א אידישער חכם. „די פעלקער פון דער וועלט, קלאגט זיך א אידישער רעדנער, האבן זיך גענומען אונז אפריידן פון אונזער פאטער אין הימל, אונז אָפשטויסן פון אונזער גלויבן". די גוטע רייד און די פייערדיגע דרשות האבן אבער ווייניג געהאלפן. און אז די קריסטן האבן באקומען א דעה אין דער מלוכה, האבן זיי באקומען נייע מיטלען קעגן אידן. דארט וואו ווערטער זיינען געווען צו שוואך, האט מען זיך גענומען באנוצן מיטן מלוכה-שווערד. אויב ניט מיט גוטן, טאָ זאָל זיין מיט בייזן. קאָן מען די אידן ניט צוציהען מיט הבטחות אויף קריסטליכער „עולם-הבא", טאָ דארף מען זיי נעמען מיט צרות און שרעק פון „עולם הזה".

לכתחילה האט קאָנסטאַנטין דער גרויסער דערקלערט, אז „יעדער איז פריי אנצונעמען דעם גלויבן, וועלכן ער וויל". נאר שוין צוויי יאר שפעטער גיט ער ארויס דעם דאזיגן געזעץ:

„דער קיסר קאָנסטאַנטין צו אויאַגרען! מיר ווילן, אז די אידן, זייערע זקנים און נשיאים זאל מען צו וויסן געבן אזוי: ווער פון זיי ס'וועט זיך דערוויגן מיט שטיינער ווארפן, אדער אויף אן אנדער ווילדן אופן אנרירן דעם, וואס אנטלויפט פון זייער פאר-דארבענער סעקטע און ווענדעט זיך גאט צו דינען (ווי מיר ווייסן, טוען זיי אזוי), זאל אין פייער געווארפן ווערן און מיט אלע די,

וואס האבן זיך מיט אים באטייליגט, פארברענט ווערן. וועט אבער איינער פון פאלק צו זייער זינדיגער סעקטע איבערטרעטן און זיך פאראייניגן מיט זייער אפיקורסישער חברה, זאל יענער מיט זיי אינאיינעם די פארדינטע שטראָף באקומען".

די פעלקער פון דער וועלט, זאגט א אידישער חכם, רופן צו ישראל און זאגן אזוי: „ביז וואנען וועט איר זיך לאזן טויטן פאר אייער גאט? ביז ווי לאנג וועט איר אייער לעבן אפגעבן פאר אים? וויפיל צער, וויפיל בזיונות, וויפיל יסורים ברייננגט ער אויף אייך! קומט נאר אריבער צו אונז, וועלן מיר אייך מאכן פאר הערצאָגן, גובערנאטארן און אָפיצערן"!

דער אויפשטאנד אין ציפורי

פריהער און שפּעטער, ווי אומעטום, האט מען די נייע צייטן דערפילט אין ארץ-ישראל. ביז אהער איז ארץ-ישראל פאר דעם רוימער געווען נאר א קליינע פראווינץ, מיט אלע זיינע פּראָ-ווינצן גלייך. האט ער אמאל יאָ א באזונדער אינטערעס געהאט פאר דעם קליינעם לאנד, איז עס געווען נאר דערפאר, ווייל זיינע איינוואוינער האבן געשמט מיט זייער האס צו דער רוימער-הערשאפט. פאר דעם נייעם, קריסטליכן „רוים" (אֱדום) אבער איז ארץ-ישראל געווען דאס הייליגע לאנד, וואו בארג און טאָל, שטיין און וואסער, הימל און ערד זיינען געווען די וויג פון זיין גלויבן. וואס ווייניגער ערפאָלג דער צלם האט געהאט אין פאלק ישראל, אלץ שטארקער האבן זיך די קריסטן, מיט דער הילף פון דער מלוכה, געסטארעט צו באפעסטיגן אין לאנד ישראל. מ'האט גענומען באדעקן דאס לאנד מיט א געדיכטער נעץ פון קירכן און קלויסטערס.

פאר די קלויסטערס און קירכן פלעגן די קיסרים אפט שיינקען זייערע מאַיאָנטקעס, וואס זיי האבן געהאט אין א גרויסער צאָל אין ארץ-ישראל. ירושלים האט פון ס'ניי באקומען איר אַלטן נאמען, באפוצט געווארן מיט קלויסטערס און גרויסארטיגע

בּנינים — ס'איז אבער אויך באנייט געוואָרן די אמאָליגע גזרה, אז א איד טאָר זיך ניט ווייזן אויפן שוועל פון זיין אמאָליגער הויפּט-שטאָט. ס'האבן זיך געפונען אייניגע פייערדיגע משומדים, וואס האבן בּאקומען גוטע שטעלעס אין ארץ-ישראל, און וועמען ס'האט זיך געוואלט בּויען נייע קלויסטערס און קירכן דוקא אין טבריה און אין ציפּורי, וואו קיין קריסטן זיינען ניט געוועזן.

איז אבער ארץ-ישראל פאר אידן געוועזן ניט נאר א הייליג לאנד, נאר זייער לאנד, דאס „בּיסל אייגנס", וואס איז געבּליבּן פון אַמאָליגע טעג. האבן זיי געציטערט איבער יעדן שטיקל ערד, וואס זייערע פאטערס און זיידעס האבן אין א משך פון צענדליגער דורות זאַפט געמאכט מיט זייער ארבּעטס-שווייס און פעט געמאכט מיט זייער העלדן-בּלוט. האבן זיי געזארגט פאר יעדער שטאָט און שטעטעלע, וואס איז נאָך זייערס געבּליבּן, וואו זיי האבּן רוהיג לויט זייערע געזעצן געקאנט לעבּן. מיט טויזנטערליי מיטלען האבן די אידן געשטערט די קריסטן און דער רעגירונג אויספירן זייערע פּלענער. טומל און געשלעגן פלעגן פארקומען כסדר צווישן אידן און קריסטן. די הערצער האבּן געהאלטן אין איין גליהען. ס'האבן זיך אָנגעצונדן די אלטע געפילן פון שנאה און נקמה צו דער „זינדיגער מלוכה", צו „אדום'ן וואס פאַרפירט די וועלט מיט זיין פאַלשקייט און זיינע ליגן". די לופט איז אלץ אומרוהיגער געוואָרן.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האט מען זיך געגרייט אויף אַ מלחמה מיט די פּערסער. דער קיסר קאָנסטאַנץ האָט געשיקט קיין מזרח אין אַנטיוכיאַ, זיין שוועסטערקינד און האַלבּ-קיסר (שני למלך) גאַללוסן. פון דעם שטאָק-פרומען און בּלוטדורשטיגן פאַנאַטישן און אויסגעלאָזענעם גאַללוס האט ארץ-ישראל זעהר שווער געליטן. דער שווערער יאָך פון שטייערן האט שוין לאַנג געהאלטן אין איין וואַקסן. „ווי אַ קלייד, וואס פאַלט אריין צווישן דערנער, קלאָגט זיך רבּי הונא פון ציפּורי, דו ווילסט ארויסרייסן איין עק, שניידן זיך די דערנער איין אינם צווייטן עק, אזוי איז מיט עשו (רוים). בּריינג מיר דיין קאָפּ-געלט, טראָג מיר לאַנד-געלט, גיבּ

מיר די תבואה פון דיינע פעלדער. און האסטו ניט — טאָ צאָל נאָך שטראָף-געלט!" אידישע שטעט און דערפער האבן איצט באַדאַרפט אויסהאַלטן כמעט צוויי יאָר גאַנצע מחנות סאָלדאַטן. די קאָמאַנדירן, באַזונדערס, דער רייטער-אָנפירער אורסיצינוס, זיינען מיט דעם נאָך ניט צופרידן געווען. זיי האבן געזעהן אויף שריט און טריט באַליידיגן, רייצן די אידן. ברויט פאר סאָלדאַטן האט מען באַדאַרפט שבת באַקן, און פסח האבן די פרומע גליל-אידן געמוזט באַזאָרגן די מחנות מיט חמץ. שוין דאַמאָלט האט זיך דער עולם גענומען רירן.

„הייסט מען אונז די געבאָטן פון דער תורה ניט פאָלגן — דארפן מיר ניט פאָלגן". אזוי האט מען נאָך אַמאָל אין לוד, אין די צייטן פון אַדריאַנוסעס גזרות באשלאָסן. מ'זאל זיך לאָזן טויטן, אבער פון דער תורה ניט אפטרעטן, האט זיי רבי מנא פון ציפורי בארוהיגט:

„דער רוימער איז ניט אויסן, איר זאָלט מחלל שבת זיין, ס'גייט אים ניט אָן, איר זאלט אייער פסח חמץ מאכן — ער דאַרף דאָך נאר זיין ברויט!" און דאס פאָלק האט אים געפאָלגט. האט אבער באַלד אורסיצינוס באַוויזן, אז רבי מנא האט א טעות. אין א אידיש שטעטל, צווישן טבריה און ציפורי, האט ער פאר אלע איינוואוינער אין די אויגן א ספר-תורה פאַרבּרענט. אין ציפורי האט א מחנה סאָלדאַטן ארויפגעלעגט א גרויסע געלט-שטראָף אויף דער שטאָט. די קינדער פאר א משכון גענומען, און איז גרייט געווען זיי פאר קנעכט צו פארקויפן. רבי מנא האט געהייסן די איינוואוינער זייערע הייזער פארקויפן און די קינדער פון די רוימערס הענט אויסלייזן. ס'איז שוין געווען שווער איינצוהאלטן דעם פאָלק-צאָרן. „ביינאַכט זיינען די איינ-וואוינער פון ציפורי אָנגעפאַלן אויף די רוימישע סאָלדאַטן, זיי צעשלאָגן, זייער געווער פאַרכאַפּט, דעם אויפשטאַנד קעגן רוים דערקלערט און פיל טויזנטער מענשן אומגעבראַכט". פון זייער באַרג-שטאָט האבן זיך די ציפוריער אראָפּגעלאָזן און זיך אָפּגערעכנט מיט זייערע שונאים. שנעל האט זיך דער אויפ-

שטאַנד פאַרשפּרייט איבּער די אַנדערע אידישע שטעט, פון טבריה און עכּו בּיז לוד. גאַללוס האָט זיך געפילט צו-ערשט ניט זיכער מיט זיינע לעגיאָנען, נאָר אין גיכן זיינען צוגעקומען נייע מחנות סאָלדאַטן, — און שווער האָבן די רוימער באַשטראָפט די אידן. ציפּורי, טבריה און לוד האָבן די סאָלדאַטן אונטערגעצונדן. דער גאַנצער אידישער דרום איז כמעט אָהן מענשן געבּליבּן. א סך טויזנטער זיינען אומגעקומען, אַלט און יונג, קינד און פרוי. פון טבריה האָט מען די חכמים פאַרטריבּן, דעם סנהדרין פאַרמאַכט, דעם נשיא האָט מען פאַרבּאָטן זיינע שלוחים אין די אידישע קהלות צו שיקן, זיי מודיע זיין, ווען פאַלן אוים די אידישע יום-טובים. בּאַזונדערס שטרייננג איז מען זיך בּאַגאַנגען מיט ציפּורי. אַלע אירע איינוואוינער האָט מען צום טויט פאַר-משפּט. די אידישע קריגסלייט האָבן א לאַנגע צייט זיך אויסבּאַ-האַלטן אין די הייל̃ן, זיך פאַרשטעקט אין די בּערג-לעכער. „אז מיר פלעגן זיך אין די ערד-הייל̃ן בּאַהאַלטן, דערציילט רבּי הונא פון ציפּורי, זיינען בּיי אונז ליכט געווען. האָבּן זיי טונקל געבּרענט, האָבּן מיר געוואוסט, אז ס'איז טאָג; האָבן זיי העל געשיינט, האָבן מיר געוואוסט, אז ס'איז נאַכט״.

קיסר יוליאַנוס

ווי א שטראַל-ליכט אין א שטאָק פינסטערער נאַכט, איז גע-ווען פאַר אידן די קורצע צייט פון דעם קיסר יוליאַנוס, גאַללוסעס בּרודער. ער איז געוואָרן קיסר א יאָר אַכט נאָך דעם אויפשטאַנד פון ציפּורי, ווען טרויער און אומעט האָבן געהערשט צווישן אידן. אַ גוטער איש-חיל און אַ קלוגער הערשער, אַ גרויסער דיינקער און א גלענצנדיגער שרייבּער — איז יוליאַנוס קודם-כל אָבּער געווען א ערליכער, איידעלער מענש. מער פון אַלץ האָט ער פיינט געהאַט צביעות, שיינע ווערטער און שלעכטע מעשים. ער איז נאָך א קליין קראַנק אינגל געווען, ווען זיין נאָהענטער קרוב, דער פרומער קיסר קאָנסטאַנץ האָט געהייסן טויטן זיין

גאנצע משפּחה. ער איז נאָך דאַמאָלס צו יונג געווען, מ׳זאָל אים מיט זיי טויטן, שׂכל אבער האָט ער שוין גענוג געהאַט, כּדי צו פאַרשטיין, וואָס ס׳טוט זיך ארום אים. שפּעטער האָט ער יאָרן־לאַנג געלעבט ווייט פון דער הויפּטשטאָט, אין אַ פּראָווינציעלן פּאַלאַץ, האַלב פאַרשפּאַרט, אין שטענדיגער מורא פאַר זיין לעבן. דאָרט איז ער געווען ארומגערינגלט פון לערער־גלחים, וואָס האָבן זיך געסטאַרעט אים מדריך זיין אין דעם נייעם גלויבן. ער האָט שטענדיג אויפמערקזאַם געהערט זייערע גוטע רייד, און זיסע ווערטער וועגן פרומקייט און ליבע, ליבע אפילו צו די אייגענע פיינט, און האָט מיט גרויס התמדה שטודירט די הייליגע ביכער, וואָס זיי האָבן אים געגעבן. יוליאַנוס איז אויפגעוואַקסן אַ גרויסער קענער פונם קריסטליכן גלויבן. האָט ער אָבער, נאָך אַ אינגל, באַמערקט די שאַרף־זוכנדיגע בליקן, די טיף־איינהערנדיגע אויערן פון זיינע לערער, פון קיסר געשטעלטע גלחים. האָט ער שוין פריה פאַרשטאַנען, אַז אפילו שיינע, האָניג־זיסע רייד פאַרדינען נישט אַלע מאָל, מ׳זאָל זיי גלויבן.

און יוליאַנוס איז אויפגעוואַקסן איינער פון די גרעסטע קעגנער פון דעם נייעם גלויבן. לאַנג האָט יוליאַנוס געטראָגן אַ מאַסקע. נאָר אַז ער איז קיסר געוואָרן, האָט ער תּיכף דערקלערט, אַז ער וועט דינען די אַלטע געטער. ער האָט אָבער אויך באַלד מודיע געווען, אַז ער וועט געבן פרייהייט אַלע אמונות. זאָל יעדערער גלויבן, ווי ער וויל.

„נישט שטראָף, נאָר רחמנות פאַרדינען די, וואָס האָבן אַ טעות אין אַזעלכע וויכטיגע זאַכן", האָט ער געשריבן. ער האָט באַפרייט אַלע, וואָס זיינען געווען אַרעסטירט פאַר אמונה־זאַכן, ער האָט אומגעקערט די פאַרשיקטע. נאָר מיט גאָר אַ באַזונדער סימפּאַטיע האָט זיך יוליאַנוס באַנומען צום אידישן פאָלק. די אייזן־פעסטע געטרייקייט, וואָס אידן האָבן ארויסגעוויזן זייער גלויבן, די רדיפות, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו ליידן דערפאַר, האָבן אים, וואָס האָט געוואוסט, וואָס ס׳הייסט רדיפות און ווי דאַרף מען טייער האַלטן געטרייקייט — גאָר

באַזונדערס גערירט. אויפן צווייטן יאָר פון זיין רעגירונג האט זיך יוליאַנוס געווענדט צו די אידן מיט דעם דאזיגן בריף:

„צום אידישן פאָלק! נאך פיל שווערער, ווי דער יאָך פון קנעכטשאַפט אין פריהערע צייטן, איז געווען דאָס, וואס מ׳האט אויף אייך ארויפגעווארפן נייע שטייערן און מען האט אפילו אייך פאראויס ניט מודיע געווען. איר האט באַדאַרפט געלט אָהן אַ צאָל טראגן אין דעם קיסרס אוצרות. א סך האב איך זיך אליין מיט מיינע אויגן אנגעזעהן, נאר נאך מער איז מיר קלאָר געווארן, אז איך האב זיך באַקאַנט מיט די שטייער-פאַפירן (מגלות), וואס מ׳האט זיי געהיט פון אייערטוועגן. איך האב אליין אין פייער געווארפן די שטייער-צעטלאַך קעגן אייך, וואס איך האב געפונען אין מיינע ארכיוון (כדי מ׳זאל אייך מער ניט קאָנען אויפוואַרפן, אז איר האט גאָט געלעסטערט). שולדיג אין דעם איז געווען ניט אזוי מיין פאַרערטער ברודער קאָנסטאַנץ, זכרונו לברכה, ווי יענע גייסט-ווילדע, האַרץ-פאַרדאָרבענע מענשן, וואס האבן אים שטענדיג ארומגערינגלט. איך האב אבער אליין זיי אין אפגרונט געווארפן, ס׳זאל פון זיי אפילו קיין זכר ניט בלייבן.

„כדי נאך בעסער צו מאכן אייער לאַגע, האב איך געפּועלט ביי מיין ברודער הלל, דעם פאַרערטן נשיא, ער זאל אָפּשאַפן די שלוחים-שטייער און זאל ניט דערלויבן אייך דריקן מיט שטייערן. איר זאלט אין אלע מדינות פון מיין מלוכה פון דאגות פריי ווערן. וועט איר אבער רוה האבן, וועט איר מיט אייערע הייסטע תפלות פאר מיין מלוכה בעטן ביי דעם אלמעכטיגן, וואס האט די וועלט באַשאַפן, וואס שטיצט מיך מיט זיין אָרעם.

„עס איז גאנץ נאַטירליך, אז ביי יענע, וואס לעבן אין דאגות, איז דער קאָפּ פאַרשלאָגן, און זיי דערוויינגן זיך ניט אפילו די הענט צו אַ תפלה אויפהויבן. ווער אבער איז פריי פון זאָרגן און לעבט רוהיג, קאן זיין האַרציג געבעט פארן גליק פון מיין מלוכה צום אויבערשטן ווענדן: ער זאל טאקי מיין רעגירונג צו הילף קומען, איך זאל אַלץ אויספירן, וואס איך האב מיר פאַר-

גענומען. און דאס דארפט איר טאַקי טון, כדי אז ווען דער פערסישער קריג וועט זיך גליקליך ענדיגן, זאל איך קאָנען ווידער אויפריכטן די הייליגע שטאָט ירושלים. איר ווילט דאך שוין יאָרן-לאנג זי זעהן באַנייט! דארט וועל איך מיט אייך צוזאמען דעם אַלמעכטיגן פאַרערן״!

יוליאַנוס איז אבער מיט דעם בריף אליין ניט יוצא געווען. ער האט געשיקט קיין ירושלים איינעם פון זיינע נאהענטע גוטע פריינט, דעם געלערנטן און בראַוון אַלפיוס, און האט אים באַפוילן אויף זיין חשבון מיט אלע נויטיגע ארבעטן צו אָנפירן. מען האט קיין ירושלים געבראכט בוי-מאַטעריאַל, געדונגען אַ סך ארבעטער און זיך גענומען אָפּרייניגן פון מיסט און שטיינער דעם באַרג ציון. ס׳האט זיך געדאַכט, ס׳זיינען ווידער געקומען די טעג פון כורש׳ן. אין פאָלק אבער האט געפעלט באַגייסטערונג. זאל דען די „זינדיגע מלוכה״, וואס האט דעם בית-המקדש פאַרברענט, ירושלים צעשטערט — אליין זיי וויטער בויען? זיינען דען דאס די פיל געווארטע צייטן, ווען דער בית-המקדש וועט שטיין אונטער דעם שאָטן פון די בלוטיגע רוימישע אדלער-פליגל?

איינציגע חכמים האָבן דאס פאלק ערמונטערט. רבי אחא פון לוד האט געזאגט: „דער בית-המקדש וועט געבויט ווערן און נאך דעם וועט די מלוכה פון דודס הויז אויפגעריכט ווערן״. (ירושלמי, מעשר שני נ״י א׳). רבי יודן האט אַזאַ ריידע פאַרן פאָלק געהאלטן: „ניט מיט איין מאָל וועט אונזער פאלק אויסגעלייזט ווערן, נאר לאַנגזאַם, ביסליכווייז. האט דאך דער נביא געזאגט: ווי דער מארגנשטערן וועט דיין ליכט זיך דורכשפּאַלטן. האט איר געזעהן, ווי די זון גייט אויף? פארטאָג איז נאך שטאָק-פינכטער, אלע מענשן שלאָפן. וואלט דאמאלס די זון מיט איר העלן שיין זיך געוויזן, וואלטן די מענשן פאַרבלענדט ווערן. קומט דער מארגנשטערן און שוואַך באלייכט ער צוערשט די וועלט, נאך דעם ערשט שיינט אויף די זון — און קיינעם שאַדט ניט״! (מדרש שוחר טוב. פ׳ י״ח). נאר איידער ס׳איז נאך אנגע-

קומען די טרויעריגע ידיעה, אז יוליאַנוס איז געפאַלן אין פערסער-קריג, האט זיך די ארבעט אין ירושלים אָפּגעשטעלט. פאַרוואס ווייס מען גענוי ניט. יוליאַנוס שרייבט אין א בריף, אז שולדיג זיינען „די אינטריגעס פון די קריסטן". די קריסטליכע שרייבער דערציילן, „אז פון די היילן אונטער דער ערד האט זיך ארויס-געריסן א פייער, וואס האט פאַרברענט איינציגע ארבעטער, און די איבעריגע האבן שוין מורא געהאט ווייטער צו ארבעטן". דאס האט גרייליך געקאנט זיין. די מיסטיגע היילן זיינען געווים גע-ווען פול מיט שטיקנדיגע גאַזן, וועלכע האבן זיך לייכט צעפלאַמט ביי א צוג פרישער לופט.

נאך יוליאַנוסעס טויט האט, פארשטייט זיך, קיינער ניט געטראכט וועגן אויספירן זיינע פלענער. ריכטיג איז געוועזן די פאָלק-שטימע: ניט רוים וועט ירושלים ווידער אויפריכטן!

דער שווערער יאָך פונם קריסטליכן רוים.

„ביז היינטיגן טאָג, — שילדערט א קריסטליכער שרייבער אַ יאָר דרייסיג נאך יוליאַנוסן, — איז נאָך די אידן פאַרבאָטן אַריינ-גיין אין ירושלים. מ'לאזט זיי אהין אריין נאר קלאָגן. פאר געלט מוזן זיי קויפן די דערלויבעניש צו באַוויינען די צערשטערונג פון זייער מלוכה. אין דעם טאג, וואס די רוימער האבן איינגענומען ירושלים און זי חרוב געמאכט, קאן מען זעהן, ווי ס'גייט אַ טרויעריג פאָלק, שוואכע פרויען, אַלטע מענער מיט צעריסענע קליידער — זיי גייען באַוויינען דעם חורבן פון בית המקדש. עס שטייען נאך טרערן ביי זיי אין די אויגן, די הענט ציטערן נאך, די האָר זיינען נאך צעשויבערט — און דער וועכטער פאָדערט נאך איניגע מטבעות פאר דערלויבעניש ווייטער צו וויינען...

„ס'איז אַ אומגליקליך פאָלק, ס'פארדינט אבער ניט, מ'זאָל אויף אים רחמנות האבן".

די אלטע גזרות האט מען באַנייט, די אַלטע „פריווילעגיעס", באַזונדערע אידישע רעכט, האט מען אבער אָפּגעשאַפן ביסליכווייז.

„די אידן לעבן אין דער רוימישער מלוכה לויט רוימישע געזעצן. דערפאר דארפן זיי אנדערע און אויך אנדערע זיי אנקלאגן נאר פאר רוימישע ריכטער; משפטן דארף מען זיי לויט דעם רוימישן דין, ניט לויט דעם אידישן". אזוי האט באפוילן דער קיסר.

„ס'איז איינגעפירט געווארן ביי אידן, אז דער נשיא שיקט אלע יאָר אין אַ געוויסע צייט זקנים, שלוחים רופט מען זיי, אין אלע קהלות, כדי צו זאמלען גאָלד און זילבער. און זיי ברייגגען אים טאַקי פון יעדער קהלה אַ באַשטימטע סומע. מיר באַפוילן, אז דאס געלט, וואס מ'האט ביז אַהער געזאמלט פאַר דער לעצטער צייט, זאל מען איננאנצן אָפּגעבן אין אונזערע מלוכה-אוצרות. אויף ווייטער זאל שטרייגג פארבאטן זיין געלט פאר דעם נשיא צו זאמלען"!

אזוי אָהן און אייגענעם בית-דין, אָהן שלוחים, דורך וועמען דער נשיא האט אנגעפירט מיט אלע אידישע קהלות, אָהן הכנסות, וואס האבן אים געגעבן אַ מעגליכקייט זיין דער אנפירער פון פאלק — איז דעם נשיא געבליבן נאר דער הוילער טיטל, אַ פאלשער גלאנץ, וואס איז פארשוואונדן מיט דעם טויט פונם לעצטן נשיא, רבן גמליאל דעם זעקסטן.

מיט דעם אונטערגיין פון די נשיאים האט ארץ-ישראל אויך פארלוירן דעם אויבן-אָן צווישן דעם פארשפרייטן און צעזייטן פאלק. די צאָל אידן איז געווארן אין לאנד וואס א יאָר ווייניגער. שווער איז געוועזן דער יאָך פון די שטייערן, אָהן אַ מאָס דאס בארייסן פון די באַאמטע, מיד איז דאס פאלק געווארן פון די שטענדיגע רדיפות, ניט זיכער מיטן לעבן, דורך די כסדרדיגע געשלעגערייען מיט די קריסטן, וואס האבן זיך געשטארקט אין לאנד פון טאג צו טאג. מתנות ארץ-ישראל אידן, חכמים און פראָסטע לייט, בעלי-מלאכות און ערד-ארבעטער, האבן זיך געלאזן זוכן א נייע, א רוהיגערע היים. אפילו די, וואס האבן זיך לענגער ווי אלע געהאלטן, — און דורות לאנג ניט געוואלט און ניט געקאנט פארלאזן דאס „הייליגע לאנד" — האבן שוין אויך ניט

געקאנט אריבערטראגן. ס׳רוב איז געגאנגען קיין בבל, וואו ס׳האבן שוין לאנג געלעבט מיליאָנען אידן; אַ גרויסער טייל איז אויך געגאנגען קיין מערב-אייראָפּע אין די ווייטערע רוימישע מדינות, וואו דערווייל איז נאך געווען בעסער ווי אויף דעם מזרח.

פאר די אידישע שונאים איז דאס נאך אלץ וויניג געווען. אידן האבן אָנגעוואָרן זייערע לעצטע פאלק-רעכט אין ארץ-ישראל, די רוימישע קיסרים האבן איינער נאך דעם צווייטן נייע גזרות ארויסגעגעבן: איינער האט פארבאטן נייע שולן בויען, דער אנדערער האט ניט דערלויבט אידן אַדוואָקאַטן צו זיין, דער דריטער האט אידן ניט צוגעלאזט צו קיין כבוד-שטעלעס אין די שטעט און דער פערטער האט אויף זיי ארויפגעוואָרפן אלע לאַסטן פון די שטאט-שטעלעס.

„זיי זאלן זיפצן אונטער דעם יאָך פון די שווערע שטאט-לאַסטן, זאלן אבער ניט האבן קיין ערע-שטעלעס״!

די גלחים און פאַנאַטיקער זיינען אָבער מיט דעם ניט צו-פרידן געווען. זיי האט זיך געוואלט די אידן שטעלן אויסער דעם געזעץ. דאס מעג מען יאָ, יענץ טאָר מען ניט, דאס איז דערלויבט, יענץ איז פארבאטן — דאס האט ניט געדארפט האבן א שייכות מיט אידן. קעגן אידן דארף אלץ זיין דערלויבט. זיי האבן טאג און נאכט געהעצט דעם המון, געוועקט אין אים אלע שלעכטע געפילן קעגן אידן, שנאה און צאָרן, האַס און שפּאָט. אין פיל שטעט פלעגן אפט פארקומען פּאָגראָמען. דער המון פלעגט אָנפאַלן אויף די אידישע שולן, זיי פארברענען, די ספרי-תורות צערייסן און די אידן שלאָגן. אָנפירן מיט די פּאָגראָמען פלעגן שטענדיג גלחים, די ערשטע צייט האבן די קיסרים עס ניט געוואלט ליידן. „ס׳האט אונז זעהר פארדראסן, שרייבט איין קיסר, אז מיר האבן געהערט, אַז אין אַ סך ערטער פארבאָט מען די אידן באזוכן זייערע שולן״. „איך זאג אָן, אז מען זאל ניט דערלאזן, אז די קריסטן זאלן כלומרשט אין גאטס נאמען זיך דערלויבן ראַבעווען און הרגנען״, שרייבט אן אנדער קיסר.

נאר צו שוואך זיינען געווען די קיסרים, און די מאכט פון די גלחים איז געוואקסן פון טאג צו טאג. אויך ניט אלע מאָל האבן זיי געוואלט שיצן די אידן. צו ביסליכווייז האבן זיי זיך טאקי איינגעלעבט מיט דעם געדאנק, אז קענען אידן מעג מען אלץ. אין אנטיוכיאַ איז דער המון אנגעפלאן אויף דער שול, זי פארברענט און אַ סך אידן געשלאגן, און די טויטע אין פייער געווארפן. אז מען האט עס דעם קיסר מודיע געווען, האט ער געזאגט: „מען דארף די איינוואוינער פון אנטיוכיאַ דערפאר באַשטראָפן, וואס זיי האבן נאר טויטע, ניט קיין לעבעדיגע אידן פארברענט".

אין די פאָגראָמען פון יענע צייטן זיינען חרוב געווארן די צוויי גרעסטע און עלטעסטע אידישע קהלות אין מזרח: אַלעקסאַנדריע אין מצרים און אַנטיוכיאַ אין סיריע. צוזאמען מיט זיי זיינען אונטערגעגאנגען נאך אידישע קהלות אין מזרח רוים, און אויך פון די לענדער האבן זיך מחנות אידן געלאזן זוכן א נייע, רוהיגע היים.

היסטאָרישע יוגנט־ביבליאָטעק

ס'איז ארויס פון דרוק:

ז. קאַלמאַנאָוויטש

די לעצטע קנאים

✦

ז. קאַלמאַנאָוויטש

די לעצטע טעג פון ירושלים

✦

כלל־פאַרלאַג
בערלין 1922־תרפ"ב

Klal-Druckerei, Berlin.